STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01840

YEHUDAH TANAKHI'S HELDN-LEBN

Baruch Bernard

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ מתנה
מיט דרך ארץ
ברוך בערנארד
1933

יהודה תנכי׳ם
העלדן־לעבן

א פּאָעמע אין דריי געזאַנגען

פון
ברוך בערנארד

פאַרלאַג „מזרח“, ניו יאָרק.
תרצ״ד — 1933

Copyright 1933
by
BARUCH BERNARD
New York, N. Y.

צו א שיינע, נאָבעלע נשמה,

צו אנן ר. קאַטצנער.

יהודה תנבים העלדן - לעבן

ערשטער געזאַנג

Allegro Con Fuoco,
Maestoso non troppo.

א

איך האָב געחלום'ט:
איך בין אין א גאָרטן,
אין א נאַכט א שוואַרצער.

אַף א גרין לאַנד,
אַף פּלושענע דיוואַנען
צעשפּרייטע,
מיניען זיך
בוימער, צווייגן,
בלומען בייטען.
אויך אַלייען טיפע,
און ביינק ווייסע
צו רוען, צו שווייגן.
ווי שטערן אויפן הימל
א פאַרוואָלקנטן,
פונקען זילבער, בלייכע
שימירירען. —
אין דעם צאַרטן רויש
פון טאַפט און זיידנס:
פיגורן אין קליידער לאַנגע,
לעאָנאָרא דוזע'ס,
אין גאָרטן פון אַלע עקן
שלייכן.

בּ

באַלד, געשטאַלטן, פאָרמען
בולט ווערן.
ברוסטן בונטע,
רונד געטאַקטע
און ווי טויבן חן־עוודיקע
און העלדזער ווייסע,
קלאָר און בויגיג
אַף אַקסלען רונדע,
נאַקעטע.

ג

לויטער איז יעדער אַקסל,
ווי פערלמוטער אַף שוואַרצן סאַמעט.
אויך די שנורלעך אַטלאַס
פון דער טאַליע — איבערן אַקסל
זיינען ווי לאַקירענע רימענדלעך
אַף שניי ווייסע פערד,
געשפּאַנט אין גאָלדענע רייטוועגן.

ד

צו דריי, צו דריי
אין רייען און ליניען.
צו דריי, צו דריי
זיי געניינען.
צו דריי, צו דריי
העלדזער אַף אַקסלען פאַרוואָרפן;
בויגנס ווייסע,
בויגנס רונדע,
בויגנס קרומע,
יעדער ריטם —
א פאַנטאָמימע.

ה

איצט האָט אײנע געגומען רײדן
האָבן ליפּן דינע,
רויטע פעדים צוויי
זיך באַוואויגן.
האָט אַן אַנדערע
די הענט געפלאָכטן —
און דעם איער אָנגעבויגן. —
טענער שטילע, שטילע
ווי פון זילבערנע פליטן
אין דער לופט, פון וויטן
וויבריזן, לויפן.
האָט א דריטע געשעפּטשעט,
האָבן אויגן ברוינע, גרויסע
מאַנדלען זיך צעגליט...
און דופּט און טייערע ריחות
פון פאַנטאַנעו שפּריצט.

ו

קוק איך, זע איך בילדער שיינע
און דאָס הארץ גאַרט — אַן אימה.
שעפּטשען זיי סודות שטילע —
רויזן ריידן,
ליליען גאַפן.

ערשטער געזאַנג

„אינם יונגן בערעזענעם וועלדל
איז אַריינגעפאָרן שטיפער ווינד
דאָס היטל פֿאַרשאַרט,
דעם דאַשעק אַף א זייט —
רייט ער טאַקע ווי א ווילדער.
צווייגן ברעכט ער,
שטאַמען קערט ער איבער,
ער רייסט פֿאַרקנס,
צעשטערט צאַמען.
און דערביי א לידל פייפֿט ער
און שילט אין דער מאַמען...

ווי ער שטיפֿט,
וואָס ער צעטוט —
א מורא
אוי א שרעק."

נאָר די גראָזן אַף דער לאָנקע
פֿאַרגאַפֿט
אַף די רוקנס זיך צעלייגן.
און אינם טייכל אין דער נידער
פּאָכעט, פּאָכעט מיט די פֿליגל
א שוואַן א ווייסער.
ווייל,
דאָרטן, איבן —
איז א גערוּנגל,
א שלאַכט א בלוטיק רויטע.

ז

עס יאָגן זיך וואָלקנס
אַף ווינטן געריטן,
אַף דער זון —
ווי ווילדע אָקסן צעיושעטע.
פון פאָרנט, פון הינטן,
פון אלע זייטן.
נאָר זיי ווערן
צע׳שחט׳ען, צעפליקטע.
און נייע כמאַרעס,
סטאַדעס אַף סטאַדעס
אין אימפּעט לויפן.
און גיסן עמערס
טינט — שוואַרצע לאַוועס.

נאָר די זון, אַליין,
ווי א חלף א שאַרפער,
גלאַנצט און בלענדט
און שעכט אָן אויפהער.

ח

און ווי.
אליין, זי איז שוין אין בלוט פאַרגאָסן
איר פאָרם איצטער:
א פייער באַרג א רונדער,
א ריזיק אויג,
ברוין און בלויע צייכנס —
אונטערגעשלאָגן.
זי קוקט אין איין רציחה
און פינטלט מיט פייער.

דאָס וועלדל שטייט
אין פלאַמען ארומגענומען,
א מינע דער הימל —
קופער און מעש.
ער גליט און שמעלצט
א ים צעגיסט ער א פלאַך.

און שיפן, וואָלקנס זילבער שטויב,
זעגלען ווייסע, פליגל א סך
קערן זיך קאָזועלעך
אַף די בייכער איבער.

און געדערים קנויטן,
שוואַרצער קויט.
ווי אונטער די פּאַרקוועס
פון ווילדע פערד
אין גאַלאָפּ, אין געיעג —
וואָלקנס שטויב
הויבט זיך אויף
פון דער ערד
צום הימל ארויף.

ווי א געווינערן
אַף דעם געבורט-בעט:
פולער לייב,
אַנגסטן, ווייען ארומגענומען —
(און ספּאַזמען הייסע)
הימל און ערד
א וואָלקן-בעט.
און דער האָריזאָנט
א איבער-בעט.
ברוין-שוואַרץ
פאַרדעקט.

ט

ווייל, דאָרטן. —
א דונער קראַכט.
און דאָ א בליץ —
א ליכט פייל,
שליינגלט זיך און צילט.
און קראַ־ד, — קראַ־ד
פלאַצן בלעכן,
פאַרמעט ריסן.
און בליצן שלאַנגען
הונדרע, קרומע
און אַנדערע
ווי פליגל ווייסע
צאַפלען, פלאַטערן.

י

אָ, בליצן טרייע,
שוועסטער, ליבע מיינע!
און דו דונער,
זון פון מיינע שוועסטער,
מיין לייבליכער ברודער,
מיין נאָנטסטער פאַרוואַנדטער.
אָ, דונערט, אָ, בליצט —
אַנטפּלעקט!

יא

שטיי איך, קוק איך, —
דורך בליצן
זע איך איצטער,
איבער די פאָנטאַנען
אף ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ
רויטלען זיך פּירות
אין קרישטאָלענע טעפּ:
עפּל, פלוימען,
מאַראַנצן און באַנאַנען,
געצירט מיט ענגלעך טרויבן,
קאַרשן און קאַשטאַנען.

און וואַזן ווי היפטן
געטאָקטע, רונדע
צוויי שריינגעס רייען
אף יעדן טרעפּ צוויי וואַזן פולע.

יב

אין רוים אין ענדלאָזן
אין אין־סוף זיי פירן,
א טרעפ אף א טרעפ
גאָלד און וואָלעט
איצטער זיי צירן.

העכער און העכער
ארויף זיי שפּאַנען
עס, עס אלס טיפער
אינם רוים
צו האנען איז קוים —
אַ לייטער.
און אין הימל גרייכטער.

יג

ניט פון פוסטער פאַנטאַזיע.
אָ, גלויב מיר פריינט!
ניט א שפּיל א לייכטזיניקע,
ווערטער, רייד, זילבער, מינטצן,
פראַזן, שיינע קלינגענדע.
אָ, געזאַנג מיינער!
פאַר אַ וואַנדער פאָלק
צווישן פעלקער אַף דער ערד
צעשפּרייטע.
פאַר אַ פאָלק וואָס איז קיין פאָלק ניט.
פאַר אַ מאַסע אַ צעשטויבטע.
פאַר אַ מענטשענטום,
גלייך דעם דור הפלגה
מיט שפּראַכן פילע, צעמישטע.

יד

אָ. שיקזאַל מיינער,
גורל ביטערער!
לייד,
נאָר לייד דו ברייגנסט מיר
איידער זינגען מיין ליד
פאַר אויערן טויבע
און הערצער מידע.
צום שטיין בעסער,
צווישן שטיינער לעבן.

אלוואי, און איך וואָלט געשוויגן
און אין שווייגן דעם גאָב
פון דער ערד געניסן.
דעם טוי פון אויבן —
די רעגן טראָפּנס פון די וואָלקנס,
דעם ווינטס לאַסקעס
און הימלס בליצען.

אלוואי, און איך וואָלט
ווי א שטיין באַם קוואַל געשטאַנען
און אין זיך קערן.
נאָר צו דער זון אין הימל —
איר געזאַנג זען, הערן.

יח

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
דעם דיכטער איז צוגעטיילט חלומות,
חלומות אידעלע און באַגערן.
אזוי וועבט ער זיין חלום
אין דער נאַכט
ביז ליכט און טאָג וועט ווערן...
דורות קומען, דורות גייען
אָ, דיכטער,
חלום!
דיין חלום וועט באַשטיין.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן,
א תהום איז זי, טיף אין רעיונות
שתיקות הייליקע און באַגערן.
און געזאַנגען, לידער, זמירות ריינע
יעדן משמור באַגלייטן די שטערן.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
אָפן איז דער ספר הזכרונות —
דער הימל.
סודי סודות דערציילט ער,
וואונדער גרויסע, הייליקע.
און דער זילבערנער ראָש —
די לבנה.
אין שטערן כתב אומצייליקע.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן:
היטער, היטער!
איין משמור דעם אַנדערן
טוט אָפּשייד פֿרעגן: —
„קומט דער וועכטער,
קומט דער היטער?“
און די לבנה
א ווייסל פֿון א אויג,
א זייל ליכט א רונדער
אין דעם בלויען געוועב
שטייט: —
גוטער היטער,
ליכטיקער וועכטער.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
נאַכט איז,
בלוי־גרין.
א תהום און דורכזיכטיק.
א קוואַל, א קוואַל.
און הימלישע קערפּער־ברוכן
ווי געשטאַלטן אויסגעמעקטע
פון דיכטערס ליד ארויסגעוואָרפענע,
ליגן מזלות און פּלאַנעטן,
וועלטן פאַרמלאָזע.
אונטער די פּיס פון מייסטער
וואַלגערן זיך, שערבלעך, ברוכן:
בעטלער, קאַליקעס,
שלעפּערס פינסטערע, קאַליעטשעטע.
א פאָלק א גאַנץ
פאַרן טויער פון שטאָט
האָט די וואונדן צעבונדן,
אייטער, בלוט רינט
פון מכות אָפענע.
זעק, טאָרבעס,
בייכער ליידיקע.

היטער, היטער,
קומען װען װעט דער װעכטער,
קומען װען װעט דער היטער?

און װאָלקענדלעך װי טױבן װײַסע,
אינם קרײַז, אַף דעם געזיכט,
אַף דער לבֿנה שװימען —
גוטער היטער,
ליכטיקער װעכטער.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמוד באַוואַכן די שטערן.
אױף דעם אַשאַק פֿון דעם טויער
אינגם ווינקל מויער
פֿלאַנט די שפּין, די כיטרע,
א געוועב, א נעץ, א ראָד א קיילעכדיקע.
רוישט א פֿליג און פֿליט —
איין רגע דויערן, איין חרף־עין זיין.

אזוי שפּינט דער הויקער,
דער פֿינסטערער.
אין צענטער אין חלל,
אין דער מיט. —
א ראָד א בלינדע, פֿעדעם זי ציט
א פֿאָדעם צו א פֿאָדעם,
איבער דעם תהום
א בריק.

רוישט א פֿליג און פֿליט
איין רגע דויערן, איין חרף־עין זיין.
לויערן איינגן פֿאַרגליווערטע
לעכער שוואַרצע צוויי
שצירען ציין פֿוילע, שפּיציקע.
און דער פֿליג פֿאַלט אריין.

הימער, הימער!
קומען ווען וועט דער וועכטער
קומען ווען וועט דער הימער?!

נאַכט איז און פינסטער.
א תהום, א שוואַרצער,
פול גיפט און שנאה.

שווימט די לבנה אין הימל אַרוים.
אזוי שפּאַצירט זי
אַף דער פלאַך פון תהום'ען,
אַף כוואַליעס ווילדע און ימים טיפע.
און די שטערן אינם קרייז
פונקען, בעטן, זינגען:
גוטער הימער,
ליכטיקער וועכטער.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
אין דעם הייזל אין דער נידער
ווײנט דאָס קינד אין וויג
שטילער, שטילער.
קומען שטערן דורך פענסטער שויבן
און כאַפּן פון קינדס באַקן
טרערן, פּערל גלאַנצן.
וואַכט דער טאַטע —
איפן אויער שעפּטשעט ער
דער מאַמען. —

איצט, איבער דער וויג אַנגעבויגן
אין בלויען דורכזיכטיקן פאַלבן-העמד
א באָרפוסע שטייט די מאַמע.
פון רויטן-ראָזן נאָפּל —
אַף דעם זילבערנעם ראַנד —
איר לייב.
פון די ברוסט די שטייפע,
טריפט מילך, זילבער ווייסע.
אזוי אַנגעבויגן שטייט דאָרטן —
דער הימל.
אַף דער ערד די שוואַרצע,
פון דער לבנה —
זיין ברוסט
זויגען ביימער, צווייגען, בלעטער גרינע.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
איז צוגעפאַלן צו דער ברוסט
דאָס קינד, דאָס ציטעריקע.
אזוי זייגט ער איצט,
זאַפט, מילך, האָניג זיס.
אזוי פליסט אין דער זעל איצט
פון דער לבנה
ליכט,
חסד,
גוטסקייט,
ליבשאַפט, ליבשאַפט.
אזוי זייגט די וועלט איצט
פון פולער ברוסט —
לעבן, ליכט,
פריידן, פריידן.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
פיר צייטן האָט די ערד
די נאַכט — פיר משמורות.
קראַפט דעם קינד פון זייגן,
דער מאַמען פון געבן.
די וועלט פון נעמען.
דער הימל ווערט גאָרנישט מיד —
שפע, שפע,
גוטסקייט,
פון געבן, געבן.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
רייף איז דער ווײַן שטאָק —
פון די טרויבן־ווײַן קאַפּעו. טריפן.

אָנגעלאָדן שטייען די ביימער,
רייף איז די פרוכט,
צײַטיק איז דער גאָרטן.

אַף די ביימער אין די נעסטן
פייגל אויסגעבריטע, נײַע פלאַטערן.
יונגע פייגל, נײַ לעבן,
נײַע לידער, נײַע געזאַנגען.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
יעדן משמור באַוואַכן די שטערן.
אַף דער שוועל לויערט דער הונט
דער שוואַרצער. —
אַף דעם לעבן
די שפּין די גיפטיקע.

עפן איך דאָס פענסטער אויף
און קוק אין פחד
אין דער וועלט ארום.

נאָגט דאָס האַרץ —
און נאָגט אַזוי:
ביימער וואַקסן און ציען
אין הימל ארויף.
נאָר אַז די פרוכט וואָס זיי טראָגן
בייגט זיי צו דער ערד אַראָפּ...
אַז בוים ווי דיך —
גייט זיין שאָטן נאָך...
היטער, היטער!
קומען ווען וועט דער וועכטער,
קומען ווען וועט דער היטער?

נאַכט איז,
א תהום א שוואַרצער.

נאַכט און נאַכט
און פינסטער.

***

ווענד איך מיר אין דרויסן —
דורך לאַבערינטן טיפע
אַף קיינעמס וועג איך גיי.
א מענטש פאַרוואָגלט
אין וועג אליין — גייט.
קומט א וואַנט אַנטקעגן
און שטייט.
זעט זיך מענטש אין געשטאַלט
אין דער וואַנט־שטיין:
מענטש אַנטקעגן וואַנט,
איך אַנטקעגן זיך.
היים איך מענטש: קידך!
קלעטער איך אַף אַלע פיר.
און שריי:
א גלאַטער וועג ווי אַף שניי —
א וועג א גלאַטער.
נאָר אַז דיין קול איז משוגע׳דיק,
איז אַזוי ווילד.
אַז איך שריי און שריי
און ווי אין א פוסטער פאַס אריין.
בלייב איך שטיין.
און זע:

איך האָב אויגן צוויי,
אויך זי האָט אויגן,
נאָר איר געשטאַלט
איר קאָפּ, ניט איך זע.
ביים מענטש הענגט א נאָז
צווישן די אויגן,
צו באַשמעקן,
פאַרקרומען,
צו פאַרדרייען.
באַ לייטן פאַרקאַטשעט
נאָז זיך ארויף.
באַ אַנדערע הענגט זי פּשוט אַראָפּ.
טאָפּ איך, זוך איך
אַף דער וואַנט א נאָז צו געפינען,
פרירט אין מיר — בלוט
און דער מאַרך אין קאָפּ גליווערט.
פאַל איך אַף מיין פּנים
און וויין.
זע איך גלי־ווערעם,
פליגל פילע.
אין דעם קרייז אין דעם ענגן
הין און צוריק פליען.

רעדער פייערדיקע
אַ קאַראַהאָד זיך דרייען.
און צווישן פונקען
פייער שפּריצן.

איך בין באַ דעם טויער פון די הימלען
באַם שמיד־הויז פון דעם אל.

באַ דער קוזניע וואו אלעם טוט גליען,
ווייט איבער דער ערד בין איך געקומען.

איך בין אין שוים פון די הימלען.

באַם קוואַל פון דער יצירה.

אפשר דאָרט —
וואַרינט מיין האָפענונג,
די וואַנט נאָר א וואָלקן
וואָס פאַרגייט.
הימלען!
שריי איך,
איך טראָג אייך א בשורה.
שטערן!
לייכט מיר דעם וועג פאָראויס.

***

איז א וואָלקן אין געשטאַלט
פון א פערד א ווייסן
צו מיינע פיס
געקומען צו רייטן.
די גריווע פאַריסן,
די אויערן געשפּיצט.
א טהיר א ווילד,
א פערד אַף פיס פיר,
א נאַקעטער
ווי א אומבאַשריבן
בלאַט פּאַפּיר.
איך בין געשפּאַרנט
א רייטער.
אזוי טראָגט מיך
פערד געטרייער
ווייטער, ווייטער.
און אונטער מיר
פאַרשוואונדן
וועלטן, רוימען,
שטעט, לענדער,
טייכן און ימים.

***

האַר!
דיר זוך איך צו געפינען.
פון אייביק ביז אייביק
דיר דינען...

א האַנט איז אויסגעשטרעקט —
און זיין שאָטן.
א שווערד גלאַנצט —
און דעם האָריזאָנט
צעשניטן.

א אָדלער פאַרוואָגלט
שוועבט אין די הימלען,
נאַרונג זוכט ער,
טרייסט,
א נעסט צו געפינען...

***

און איך בין
אַף דעם אינזל „ווערען"
ווייט, איבער
טאָג און נאַכט,
איבער זונליכט און שאָטן.
אייז־לאַנד,
אייז־לאַנד!
אַף דעם אינזל מחשבה
בין איך געקומען צורייטן.

הייזער שטייען, פּאַלאַצן,
איידעלע בנינים.
אַף יעדן שטיין
זיין מייסטערס צייכן,
אַף יעדן שטיין
זיינע סמנים:
ליידן פיל, פריידן ווייניק.
יעדער שטיין —
א טרער א פאַרגליווערטער,
א טראָפּן שווייס
פון זיין שטערן.
פיין,
שטילע זאָרגן
און פאַרצווייפלונג.

שטייען טורעמס,
אין רוים דעם געפראָרענעם,
קריסטאָל, פאַרגליווערטע.
נשמות ליכט ניט אָנגעצונדענע.
פון פעלזן שפּיציקע
הייגען קערפּערס
אין תכריכים ווייסע געפראָרענע.
און הינטן:
קברים, בערגלאך, בערגלאך
שניי פאַרשאָטענע.

קלינגען גלאָקן —
רויטע צונגען
אַף קופּאָלן הויכע:
באַן־בין־באַם,
בין־באַם־באַם.

***

ערשטער געזאַנג

באַם-באַם,
בין-באַם,
קלינגען גלאָקן.

דאָרט,
באַם ראַנד
פון צייט
עט,
איבער די מעת-לעת׳ן.
קרייצן וועגן,
שטעגן,
טרעפּ און אונטערוועגן.

דאָרט,
וואו דאָס וואָרט
אין אייז געפֿראָרן ליגט
און מימרות ווי ביימער
אין פֿינסטערע וועלדער,
פון קיין ליכט באַרירט.
יעדער בנין
און זיין צייט —
יעדער פּאַלאַץ
אַף זיין שטייגער...
נאָר דער תהום
פּאַראייניקט:
רינג און רוים
אייז-לאַנד,
אייז-לאַנד,
און זיינע אין-סוף׳ן.

***

האָב איך צו דעם פּונק
וואָס טליעט אין מיין בוזעם
געזאָגט: ברען!
איך בין קראַפט,
איך בין דויער,
אליין דער סנה...
נאָר דאָס ליבּ
וואָס איך טראָג —
נידערגאַנג —
איבערגאַנג,
אַ בריק ניט מער...

זיינען ווינטן געקומען
און א פלאָם צעבלאָזן.
אזוי שמעלצט דאָס אייז
און צעגייט —
אַ ים האָט זיך צעגאָסן.

***

אין רוים צעשפּרייט
זיינען מיינע פליגל,
ווי דער אַלבאַטראָס,
דער ים פויגל
אַף אַ פּערד אַ ווייסן.
דער ים איז מיין שפּיגל.

איך בין אַ שטורעם ווינט
וואָס דערנענטערט זיך,
אין קומען.

אין מיין אינגעוויד
אַ געמיש פון ווינטן
וואָיען, ברומען.

פון מיינע ליפּן:
בייטשן ליכט
שטראַלן, בליצן
פאַר פריינט.
און דונער,
אַ רעגן שטיינער
פאַר שנאים.

איך צעריים איך הימלען
ווען איך צערן.
און וועלטן תרוב'ע
הינטער זיך לאָז איך.

און בין איך גענעדיקט,
אַף שטראָמען זעץ איך זיך,
אַף ווילדע כוואַליעס —
דרעמלען.
באַם-באַם,
בין-באַם,
באַם-בין-באַם.

***

שווימען שיפען
פון האַפנס שטילע
און ימים ווייטע.
קינדער פון באַגער,
פון היים לייב און בלוט —
נייע געבאָרענע...
צווישן הימל און ים
אייז־לאַנד,
אייז־לאַנד,
פון זיינע אין־סוף׳ן ...

זינקען לעבנס,
זעגלען ווייסע,
שיפען ברוכען,
צעשמעטערטע.
רגע׳ס, טרוימען,
חלומות,
רעיונות ליכטיקע.

פורן פולע געגנז
אויסגעבריטע,
העלדזער ווייסע,
לאַנגע,
צו דער בוינע,
צו דער שחיטה.

. . . .
. . . .

****

אַז איינס איז דאָ
און איינס איז דאָרטן. —
איבּ חיות פליסט
ווי וואַסער און שטראָמען.
טראָג מיך בּעסער
פערד געטרייער
אהין
אין דער שטאָט דער ענגער
וואו ליכט לייכט
פון גלעזערנע לאָמפּן.
און בּרויט וואַקסט
אין פּאַפּירענע קאָרפּן.

אין דעם קליינעם
שטעטל מיינעם,
וואו מענטש צו מענטש
איז הונט. —
געמיינער.
וואו יעדער איינער
טראָגט זיין לייב
אין די ציין. —
פאַרלאַנגסטו בּרויט
בּאַקומסטו שטיין.

אױב לעבן איז
װי דער טיק־טאַק
פֿון א זײגער,
עמיצער האָט אָנגעדרײט
דאָרטן
און עס גײט כּסדר.
און טאָג און נאַכט
װי דײַנע הענט־װײַזער.
אײנס און צװײ,
געלױף און גײ. —
„פֿרעג נישט װאוהין —
פֿרעג נישט פֿון װאַנען.“
נאָר טיק און טאַק,
נאָר לױף, נאָר גײ...

נעם איך און צעשרויף
אבער נאָך אבער.
דעם זײגער.
ליגן ברוכװאַרג:
שרױפֿן, װײַזער,
ציפֿער בלאַט און רעדער, —
א מאַרך א צעשרױפֿטער.

היטער, היטער
קומען װען װעט דער װעכטער
קומען װען װעט דער היטער?

צום קוואַל,
צום האַרץ,
צו דיין שורש
אָ, דיכטער!
און די שטערן אינם קרייז
צו דער לבנה זינגען:
גוטער היטער,
ליכטיקער וועכטער.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
און א בעטלער אומה
איז מיין פאָלק.
אַ שלעפּער באַנדע,
לאַפּאַצאַנעס מאוסע, ברודיקע.
אָ, „איך בין א זון פון א לוזיק פאָלק“ —
זייט פאַרשאָלטן
שונאים, פיינט גיפטיקע!

נאַגט דאָס האַרץ און ציט.
אַז עס טוט אַזוי וויי,
אַזוי וויי —
אַז געבליבן איז נאָר
שטיין און שטיין,
שטיינער פאַרסמאַליעטע.
אונטער חרב׳ע היימען,
הייזער און גאַסן.
אונטער רואינען פון שטעט און קהילות,
פון לענדער גאַנצע.

איז דאָס האַרץ געקומען
צום שטיין. —
א גרויס בענקשאַפט
האָט זיך אָנגעהויבן,
איין משומר דעם אַנדערן
טוט דערציילן,
א גרויס גלוסטעניש
גלוסט די זעל.
היטער, היטער
קומען ווען וועט דער וועכטער,
קומען ווען וועט דער היטער?

נאַכט איז
א תהום א שוואַרצער.
נאַכט און נאַכט
און פינסטער.

***

האָבן ליפּן הייסע,
בענקשאפט.
די ברוסט, די לבנה
אויסגעזויגן...
איצטער פאַרשוואונדן איז זי
אין מיינע בלויע אָדערן צערינען...

אַזוי געליטערט,
העל און דורכזיכטיק
קלאָגט א נשמה אין דער נאַכט.
אַזוי שניידט שאַרף — אין פלייש
און בלוט גיסט א סאַך.
אַזוי טונק איך מיין פעדער
אינם בלוט —
איצטער זילבער ווייס.
אַזוי קריץ איך מיין ליד
פון לבנה פאַרב
אַף הערצער געפייניקטע א סאַך.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־ציַיטן.
און זע,
פון שטיין טוט אַ קוואַל אויפגייַן,
אַ שטראָם וואַסער גיסן.
און טייַכן בריַיטע,
שטראָמען פליסען.
פיר טייַכן.
פיר טייַכן גייען אַרויס פון קוואַל
אין דעם ים דעם רוישיקן זיי פאַלן.
פיר טייַכן,
פיר ציַיטן,
פיר משמורות...

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
צום קוואַל גלוסט די זעל,
צו איר שורש.
א גרויס גלוסטעניש האָט זיך אָנגעהויבן.
און זע,
דער ים האָט זיך צעברומט,
דער תהום איז צעטרייסלט
פון זיין אָפּגרונד,
אונטער זיינע פינסטערע ברעמען
איינגן גרינע, בייזע כוואַליעס
ברויזן, שוימען.

האָט די וועלט ציטערן אָנגעהויבן
ווי בלעטער אַף ביימער
אין וואַלד אין שטורעם.

א גרויס שרעק, א אימה און פחד
האָט דער וועלט ארומגענומען.

אזוי וואַקעלט זי זיך איצט
ווי אַף די פּים א שיכוד,
ווי דאָס פישער שיפל אויפן ים
אָן אַן אַנקער, אָן א קאָמפּאַס.

אזוי פלאַטערט אום
דאָס האַרץ,
דאָס צערִיסענע.

אזוי שרייט ער אין רוים,
אין דער וועלט אריין
אליין און פאַרצווייפלט:
לאַנד! לאַנד!
גיב מיר ליכט,
גיב מיר לאַנד!

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
אַלע טייכן גייען אין ים
און דער ים ווערט נישט פול.
אין זיינע ברעגן איז ער באַשוואָרן,
אין פעלזן שטיין
איז זיין קעניגרייך איינגעשלאָסן.
א יסוד האָט די וועלט,
סודי, סודות, וואונדער פיל —
א יסוד האָט די וועלט,
דער משל א נמשל,
דער שפיל א זין.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
די ערד אין יאָר־צייטן.
אָ, כוואַליעס בעט מיט מיר,
בייזע ווינטן, ווילדע ~~הינטן~~ אינדן,
חיות, לייבן און לעמפּערטן.
דאָס גליק דאָס לאַנג געגאַרטע.
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
און משיח, מיין דערלייזער
פון זיין היכל,
פון זיין פּאַלאַץ נידערט:
די פינגער געפלאָכטן,
דעם קאָפּ אָנגעבויגן.
אין דער לבנה באַהאָפטן
בוקט און קניט ער איצט
פאַר דעם שעפער — דעם הימל.

און זע,
פון זיין בלויען-ברייטן פּאַלבן קלייד,
זילבער שטערן, גאָלדענע זוימען
אין האָריזאָנט צעשפּרייט.
גלאַנצט שיינקייט, טיפער זינען —
דער אין-סוף, דער באַגינען.

****

הימלישער פאָטער,
האַר,
קעניג-אל-מעכטיקער,
גוטער גאָט.
דו קעניגסט מיט חסד
איבער דער גאָרער וועלט — אליין.
דאַריף זאָגט עדות דיין ווערק.
טאָג און נאַכט,
הימל און ערד,
טייכן און ימים,
פייער און שווערד —
אפילו דאָס הייפטל קרויט אין פעלד,
דיין גאַנצער, גאַנצער באַשאַף.

האַר, שעפער מיינער!
אז אין דעם היכל דעם ווייסן,
באַ דעם טיש דעם געדעקטן
זאָל איך ניט אליין
און פאַרשעמט זיצן.
אַז דאָס לייב זאָל דיך דערקענען,
אַז דאָס פלייש זאָל דיך תמיד הערן,
תמיד פאָלגן.
הימלישער פאָטער,
גוטער גאָט!

***

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
און משיח, מיין דערלייזער
איז צום ים געקומען,
ווי א חתן אַף זיין חופּה־בעט
צו זיין כּלה, זיין געליבטער
איז ער געקומען.
אזוי פיל חסד,
אזוי פיל גנאָר,
אזוי פיל גוטצקייט.
און אזוי פיל שולד.
און אַזוי פיל פּיין.

און זע,
א שלייער נאָך א שלייער
פון זיין פּנים פאַלן
און טרערן צוויי —
פּערל גרויסע
פוןביידע באַקן
אַף זיין פּנים רינען
אין דעם ים דעם גרינעם.

***

ין

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
און טרערן טייכן,
בענקשאַפט, בענקשאַפט —
ימים, פליסן.
און מלאכים און שרפים
הין און צוריק
אײלנדיק פליען, — רופן:
„לאַנד, לאַנד,
זע דעם לאַנד!
געקומען דיין וועכטער.
היטער! היטער!
געקומען דיין היטער!"

און שטערן לעצטע
אויסגעלאָשענע פאַרגייען:
גוטער היטער,
ליכטיקער וועכטער.

יז

אָ, מאָרגנרויט וועק,
און פֿאַרשפּרייט!
ליכט פֿאַרבאָרגן אַנטפּלעק
און לייכט!
אָ, וועקט זיך, וועקט זיך אַלע!
פֿאָלק מיין פֿאָלק
אַף אַלע וועגן און שטעגן —
מיין קאַליעטשעטע אומה.

און די וועלט!
די אין בלוט דורכגעווייקטע,
דיין שעפער רופֿט.
זיין גנאָד און חסד
אַ האַנט!

אָ קניט ברודער,
טוט תפילה
מיליאָנען אַלע.
דיין שעפער,
זיין קעניגרייך
אומעטום —
איז גרויס.
און די ערד זיין פֿוס בענקעלע
בלויז.

יח

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער דעַר לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
בלוי ליכט גיסט דער הימל,
גרינע בייזע כוואַליעס דער ים.
„צו מיין פיין —
האָט די שטימע גערופן,
— ווי געשריען,
ביז וואַנען ?" ...
ביז דער בעכער וועט פול ווערן —
האָט א קול געענטפערט.
און די הימלען האָבן געציטערט.
ביז דער בעכער וועט פול ווערן
און אריבערגיין.
ביז טאָג
און ליכט
און ליכטיק וועט ווערן.

. . . .
. . . .

בלויִ ליכט גיסט דער ים,
גרינע בייזע כוואַליעס דער ים.
און משיח מיין דערלייזער,
מיט מיר הענגט —
וויינט.
צווישן הימל און ים...

יט

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
בלוי ליכט גיסט דער הימל
העלע טראָפּנס טריפן,
אוצרות פולע.
זאַפטיקע ריחות, רעיונות קלאָרע,
תּפילות, תּפילות אומענדליכע.
אָ, כוואַליעס, בייזע ווינטן.
חיות צעיושעטע.
און דו דיכטער,
און דו טרוימער.
און איר אַלע
ברידער מיינע,
גייסט פאַרוואַנדטע.
דאָס גליק דאָס לאַנגע געגאַרטע.
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן!

כ

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
טרוים מיינער,
אבות הייליקע
מיינע פאָרגייער איר אַלע.
וועמענס חלום חלום'ט אייער זון,
וועמענס טרוים ?
יעקב,
דיין חלום אַף דער וואָר
איז אים צו האַנגען געקומען :
„הנה סלם מצב אַרצה
וראשו מגיע השמימה."

כא

יאָ, א לייטער שטייט אַף דער ערד
און אין הימל גרייכט ער.
יונג-פרויען — אידעלע געשטאַלטן,
אין ווייסע לייוונטענע העמדער
צינדן זיך לייבער קופּער רויטע,
ווי בראָנז און מאַרמאָר שטיין
געפורמטע,
קערפּערס שטייפע,
קלאָרע, ראָזע דורכזיכטיקע.
און שלייערס, שלייערס
גאָלד, בלוי און וואיאָלעט —
רעגנבויגן קאָלירן.
בולט וויקלען ארוים,
קעפּ, העלדזער, פּנימער,
געשטאַלטן ערליכע, שיינע.

אין רעכטער האַנט
האַלט יעדע,
א פּאַלמען צווייג,
א בלאַט א גרינע.
אין דער לינקער,
א דערנער קראַנץ —
אויסגעשטרעקט.
און אַנדערע,
מיט פליטן און האָרנס
צו שפּילן, צו זינגען.
אויך קרוגן און אָגלען
ווייַן און בוים־אויל
צו זאַלבן, צו טרינקען.

כב

פון מזרח זיי קומען
אויפן לייטער אויף און אפּ
זיי שטייגן.
צו מערב זיי ווענדן זיך,
צו צפון, צו דרום,
צו דער וועלט
צו אלע פיר עקן:
צו דריי, צו דריי
באַרפוסע זיי גייען
אין רייען, אין ליניען.
צו דריי, צו דריי
באהעפטן
זיי דערשינען.
און אונטער זיי,
שאַרן גאַנצע,
מחנות ענגלען,
יונג-פרויען,
פליגל ווייסע,
מלאכים פילע.

כג

קוק איך, זע איך
בילדער שיינע,
געשטאַלטן באַקאַנטע.
צאַפּלט דאָס האַרץ —
און גאַרט.
א פרייד איז מיר אי א מורא.
איך קען אייך —
שריי איך,
אַף וואַר איך האָב אייך געזען,
אָ, געטנס, אָ, שיינע —
גלאַנצן אויגן, שמייכלען דינע,
סודות, סודות שטילע.
— פאַר וואַר ? !
אָ, אָלגא, זיי געגריסט !
דיין קאָפּ איז געקרוינט,
דיינע האָר, צווײ צעפּ.
פאַרפלאָכטן ארויף. —
ווי שיין דו ביזט ? !
אויך די גרינע לענטע
אונטער די אויערן —
דיין האַלדז ארום —
איז מלא חן.

און דו, פעלישאַ,
שיינע, ליבע, פרומע.
דיין פנים רונד און בלייך ווי די לבנה.
און דיין לייב, ווי אין מילך געבאָדן.
ביזט אזוי פריש, אזוי יונג,
אזוי האַרציק.

און דו אַ, ווירעראַ,
דיינע מאַנדל-גרויסע
טרויער פולע אויגען —
דיין מעלאַנכאָלי,
דיינע מאַניערן ? !
אָ, זיס ווייב,
פון פרויען
זיסעסטע !

מיין האַר, דער קעניג
האָט געהאַט פיר טויבן פּאָרן
דריי האָט ער מיר געשאָנקען.
דריי טויבן־פּאָרן
ברוסטן פולע,
איך דרייען האָט מיר
צו זייגן געגעבן.

זיי געגריסט פּעלישאַ.
און דו אָ, וויערא
און דו אָלגאַ!
זייט געגריסט.
זייט געגריסט,
אָ, זייט געגריסט!

כד

האָבן אָרגלען, טרינט אין צאָל
דעם גרוס אויפגעכאַפּט
און אין א לויב זיך צעזונגען,
פליטן, האַרפן, פידלען אָן א צאָל,
אין האַריזאָנט העגגען —
פייקלאך, גלאָקן געקלאנגען,

האַרמאָניען, פייער רינגען.
רוישן, ברויזן,
יובל, שאלל און געזאַנגען:

זייט געגריסט!
זייט געגריסט!
געגריסט, געגריסט!

כה

זיי געגריסט
ירושלים, אָ, אייביקע!
און איר אַלע,
ציון'ס טעכטער,
מכבי'ער שוועסטער
שיינע, צאַרטע, הייליקע.

דעם הימעלס גאָב,
געטלעכע שמייכלען, —
פריידן מיינע,
פריידן מיינע.
זייט געגריסט
געגריסט, געגריסט!
פאַר דעם חן,
פאַר דעם צויבער,
פאַר דעם לעבן,
פאַר דעם נייעם.

א לויב, א לויב,
א לויב און א דאַנק
פאַר דעם ווײַן
אין די ווײַן גערטנער —
אינם קעלטער
און אין די קרוגן.
פאַר די מאַראַנצן בליענדע ביימער.
פאַר די מאַנדלען,
אליוועז, באַנאַנען און צעטראָנען.

א לויב, א לויב,
א לויב און א דאַנק
פאַר די קאָרן פעלדער
פאַר די רויזן און בלומען,
ווייץ און גערשטן
זאַנגען, זאַנגען, זאַנגען
אויפגייענדע פעלדער.

א לויב, א לויב
א לויב און א דאַנק,
זייט געגריסט,
געגריסט, געגריסט,
אָ, זייט געגריסט!

כו

הימלען דערבאַרמט זיך
אָ, טוט מיר גנאָד!
ליכט פאַרבאָרגן.
רו גיב מיר,
אָ, זיי מיר טריי!

און די מאָרגן־רויט־ברען —
ברען אויס, פאַרצער,
די ערד אין מיר
פאַרברען!

און איר דופטן, ריחות
אטעמט, ווייעט.
לערענט מיר ליבן —
פרייער ווינט
מיין האַרץ דעם מידן!

העלער קוואַל
וואַסער פאַל
אַף דער שוועל
פון דעם וועלט-אַל:

אָ טאָג ברעך איין,
ברעך איין! ברעך איין!
ליכט פאַרבאָרגן
דערשיין!
מיין יאָך מאַך פריי,
מיין קראַפט באַניי,
מיינע אויגן — זע.
פרייד! פרייד!
געזעליקט, געזעליקט דו.
ליב, ליבט
איר אַלע וואָס לעבט.

כז

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
האַלט איין! האַלט איין!
אין גלות איבערגייט דיין קעניגרייך.
היים בלוט אַ ים צעגיסט.
פון קאָפּ האָט דער פייער זיך אָנגעהויבן.
אַזוי ברענט איצט
דער גאַנצער הימל,
זיין גאַנצער קערפּער־געבוי.

ערד, וואו איך בין געבוירן,
לייב, וואָס האָט מיך געטראָגן,
ברוסטן, וואָס האָבן מיך גענערט.

פאַר די גראָזן אַף די פעלדער,
מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער.
פאַר די ביימער און וועלדער.
בלעטער און צווייגן —
הענט געפלאָכטן אַרויף. —
לעכטצן, ציטערן און שווייגן.
פלאַקער הימל, ברען!
נאָר פאַרברען אונז ניט!...

און דו, מאָרגן-שטערן,
ליכט, מיין ליכט
העלער פונק —
אַנטקעגן דעם ים פייער און בלוט.
מציל געווען — מיר ביידע
האָבן זיך אצינד.
זאָג, וואָס זאָגסטו וואָס? —
פאַרוואָר? !
א זעאונג איז אונז צוגעטיילט
זען מיר דען נישט קלאָר? !
דו הויבן, — איך דאָ...

כח

אָ, גרויס שיקזאל,
צו שטיין וואַך אצינד.
איינזאַם בין איך,
ווי דו איבער מיין קאָפּ,
אליין,
א איינזאַמער צווישן וועגן
פייער, צאָרן, גיפט און בלוט.

אָ, מענטשן קינד,
נשמה מיינע.
איך פאַרטרויע דיך
אין האַרצן טיף
פליסט. —
ביי דיך, ביי דיך —
וואַך אויף, וואַך אויף!
דיין פּנים קער צו —
הער דעם רוף ? !
דיין גייסט
רעדט
פון דעם שטערן
דער רוף:
דער הימל וואָס איבער דיר
די ערד וואו דו טרעסט.
וואַך אויף! וואַך אויף!
א נייע וועלט
צום לעבן
אין קאַמף גייט פאָרויס.

כט

זאָל זיין געהייליקט.
דורך בלוט געהייליקט.
דיין לייב געהייליקט,
געהייליקט, געהייליקט
זאָל זיין געהייליקט!

דער הימל ברענט
לאָז ברענען,
לאָז ברענען
דאָס בייזע אוים —
די וועלט די רויבערישע
לאָז ברענען! לאָז ברענען!

זאָל זיין געהייליקט,
דיין לעבן געהייליקט!

אָ, פייער צינד,
פלאַקער ברען
פאַרצער!
אָ, פלאַם! אָ, פייער
זיי געגריסט,
געגריסט, געגריסט,
זיי געגריסט.

ל

און דו, אָ, שופר, האָרן.
שאַל,
העכער, העכער
זאָג אָן.
אָ, גלאָקן קלינגט
פידלען, אָרגלען
זינגט.

פויקן
קופער און מעש
א לויב, א לויב.
א לויב און אַ דאַנק
א לויב! א לויב!

לא

אָ, מענטשן קינד,
נשמה מיינע!
דעם יאָך וואַרף אַראָפּ.
אַראָפּ, אַראָפּ.
וואַרף אַראָפּ!

זאַלבן זאַלבט
דעם לעבן געהייליקט.

זאָל קרוינען
די וועלט די נייע
זאָל טראָגען!

אַלט און יונג
קינד און קייט
אַף דער גאָרער ערד
צעזייט און צעשפּרייט.

דיין גליק טאָגט.

איבער דיר דער
הימל ברענט,
דער שטאָל שמעלצט.
דער אייזן — הייס
צעגייט.

ברידער, ברידער
איין מענטשהייט
געהייליקט
געשמידן שטייט.
ברידער, ברידער

איך קוש אייך
מיליאָנען.
ברידער, ברידער
זאָל קעניגן
זאָל טראָגען.

לב

די וועלט די נייע
זאָל קעניגן
זאָל טראָגנען.

פרייד אָ פרייד!
פרייד אָ, פרייד!
זי פליסט אין הערצער
ווי וואַסער אין שטראָמען.
און מתנות נייע
מיליאָנען, מיליאָנען
פון נויט און הונגער
פון פיין און ליידן
די וועלט פון געוואַלד
און בייזע רעגיאָנען
לאָז ברענען!
לאָז ברענען!
אַ ריינע, אַ גערעכטע
אַ נייע,
זאָל קעניגן!
זאָל טראָגנען!

אָ, סערף און האַמער
רויטער שטערן
לאַנד פון קאַמונטערן.
און דו,
ליכט מיין ליכט
אָ, ציון הייליקע
דיין גנאָד און חסד
מיט שלום באַשייט.
מגן דוד,
ירושלים אייביקע!

לג.

ימים זינגען
טייכן, פליסן.
איצט אין זיך
אין בוזעם —
ברומען, זינגען
שטילער, שטילער
און די כוואַליעס
אָטעמלאָזע.
ווי שלאַנגען אַף די בייכער
קאַלערן זיך, גליטשן זיך
אין תהום טיף אריין.

ערשטער געזאַנג

אַף די פידלען
הענגען סמיקן ווירע
ווי רעגן בייטשן קרומע.
און א געזאַנג
וויברירט, ציטערט
כאַטש, פלאַצט סטרונעס —
נאָר אין זיך זינגט.
פרייד און דערלייזונג —
אין זיך, אין זיך.
שטילער, שטילער
נאָר שטאַרבט נישט אָפּעט.
פרייד און דערלייזונג,
פרייד און דערלייזונג,
אין זיך, אין זיך.
אין זיך, אין זיך.

לד

בענקשאַפט, בענקשאַפט
א מעלאַריע ציטערט.
נאָר א פליט,
א האַרף און א פייקל
באַגלייט
א שטימע א צאַרטע,
א נגון דערציילט,
ווי פון אויג צו אויג,
האַרץ צו האַרץ,
פון געמיט צו געמיט.
זי זינגט און זינגט
פון פיין און נויט
פון יסורים און לייד
פון נאַכט, שרעק און טויט
פון חסד, ליכט,
פון געלייטערטע פרייד.

לה

און טײַכן, קװאַלן
פֿון שלאָף כאַפּן זיך אױף
און װעלדער אומענדליכע
צװישן די צװײַגן ברענען.
און פֿײגל אין די נעסטן,
אַף די בײמער אינם נגון
פֿאַלן אַרײַן.
און װינטן קומען
אַף יונגע פֿליגל צופֿליען
און טראָגן דאָס געזאַנג
אין דער גאָרער װעלט אַרױס.
פֿון מײל צו מײל,
פֿון האַרץ צו האַרץ,
פֿון געמיט צו געמיט.
א בענקשאַפֿט
נאָגט און נאָגט
און ציט.

לו

מיין האַר, דער קעניג
האָט געהאַט פיר טויבן־פּאָרן.
דריי האָט ער מיר געשאָנקען.
די פערטע טויבן־פּאָר
זוך איך, —
בענקשאַפט, בענקשאַפט
און פאַרלאַנגען.

לז

אזוי לעכצט און זינגט
שושנה, די טויב,
די זי
אין מזרח רויט
פֿאַר מאָרגן פֿרי
אין תּפֿיסה,
אין ירושלים געפֿאַנגען:

— „נאַכט, נאַכט,
נעם אַוועק די וואַנט
וועל איך, כּלה דיין ליבע
דיך עמפֿאַנגען.“

אזוי רזישט דער וואַלד
פון דיביימער אַרויף:
„וואַלקן, וואַלקן
שוואַרצער כת.
לייטער זיך אויס,
צעגיי ווי רויך.
געבן וועל איך
דופטן, ריחות,
שירות און געזאַנגען.“

אזוי ענטפערט,
די טויב,
יהודה,
אין מערב ווי־ט
אין קייטן געשמידט:
„שושנה, שושנה
טויב מיין טויב
מיר ביידע זיינען געפאַנגען.“

לח

אזוי לעכצט
דאָס הימליש־פֿאָר
אין ביידע טיילן וועלט
פֿון ימים צעשיידט,
גלות, גלות
זינגט ער. —
די קייטן בינד אָפּ.
וועל איך, חתן, דיין זיווג
צו דיר קומען.

נאַכט, נאַכט
וויינט זי. —
נעם אוועק די וואַנט

וועל איך, כלה, דיין ליבע
דיר עמפֿאנגען.

לט

מיין האַר, דער קעניג
האָט געהאַט פיר טויבן-פּאָרן
דריי האָט ער מיר געשאָנקען.
די פערטע טויבן-פּאָר
זוך איך.
יאָ, יהודה׳ן מיין העלד.
יהודה תנכי, מיין העראָלד!
און זי אָ, שושנה —
געטלאכער זיווג,
הימליש-פּאָר.
בענקשאַפט, בענקשאַפט
און פאַרלאַנגען.

און וועלדער רוישן,
ימים, טייכן און פלוסן.
און פייגל פארשיידענע מנים.
אַלע וואָס לעבן,
אָטעמען און מיטן,
אין צווישן. —
בענקען, לעכצן.
און פאַרלאַנגען.

מ

די נאַכט איז געטיילט אין משמורות,
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.
איך באַשווער איך דיכטער,
איך באַשווער איך טרוימער,
און איר אַלע,
ברידער מיינע,
גייסט פאַרוואַנדטע:
דאָס גליק דאָס לאַנג געגאַרטע —
דער לעצטער משמור האָט געשלאָגן.

דראַמען פון ברוך בערנארד:

דער חלוץ

דראַמאַ אין 4 אַקטן

פאַרלאַג נחמיה, ניו יאָרק

יהודה תנכי

קאָמעדיע אין 3 אַקטן

פאַרלאַג קלעצקין, ווילנא

א אידישע טראַגעדיע

דראַמאַ אין 3 אַקטן

רבי רב בער, דער געפאַלענער

א דראַמאַטישע פּאָעמא

„ביזנעס“

קאָמעדיע אין 3 אַקטן

פּענעלאָפּע

איין אַקטער, קינדער שפּיל.

אין פאַרברייטן צום דרוק:

צוויי געזאַנגען

יהודה תנכ״ס העלדן־לעבן.